# תלמוד תורה "ייטב לב" דרבינו יואל

## מסאטמאר

נוסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל דברי יואל זי"ע

ברשכבה"ג כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

בעיה"ק ירושלים תובב"א

בעזהשי"ת

# וַיֵּרָא

## כתה א'

**המלמד:** הר"ר מנחם הלל פאלאטשעק הי"ו

# שאלות לפרשת השבוע

**א. וועלכע פרשה גייט די וואך?**
וירא.

**ב. פארוואס איז דער אויבערשטער געקומען צו אברהם?**
ווייל ער איז אים געקומען מבקר חולה זיין.

**ג. וויפל טירן האט געהאט אברהם ביי זיין געצעלט?**
פיר טירן, (דערצייל פארוואס האט ער געהאט פיר טירן).

**ד. פארוואס האט דער אויבערשטער געמאכט עס זאל זיין זייער הייס?**
ס'זאל נישט קומען געסט צו אברהם.

**ה. וואו איז אברהם געזעסן?**
נעבן די טיר, (דערצייל פארוואס איז ער געזעסן נעבן די טיר).

**ו. וואס האט דער אויבערשטער געמאכט ווען ער האט געזעהן אז אברהם ווארט אזוי שטארק אויף געסט?**
ער האט געשיקט דריי מלאכים.

**ז. ווי אזוי זענען געווען פארשטעלט די דריי מלאכים?**
איינער אויף א שיף'ס קאפיטאן, איינער אויף א ארבער, און איינער אויף א מענטש וואס פארקויפט ווייץ.

**ח. פארוואס זענען געקומען די דריי מלאכים?**
איינער צו אויסהיילן אברהם, איינער צו זאגן די גוטע בשורה, און איינער צו איבערדרייען סדום.

**ט. פארוואס איז שרה נישט געווען צוזאמען מיט די געסט?**
ווייל זי איז געווען א צניעות'דיגע מאמע.

**י. פארוואס האט דער אויבערשטער געהייסן איבערדרייען סדום?**
ווייל דארטן זענען געווען אסאך רשעים (דערציילט וואס האבן געמאכט די רשעים מיט די מיידל).

**יא. פארוואס זענען געקומען צוויי מלאכים צו לוט?**
איינער צו ראטעווען לוט, איינער צו איבערדרייען סדום.

**יב. פון וואו האט זיי לוט אריינגענומען אין שטוב?**
פון א אונטערשטע טיר.

**יג. פארוואס האט לוט אריינגענומען די מלאכים פון א אונטערשטע טיר?**
ווייל ער האט מורא געהאט פון די מענטשן פון סדום.

**יד. וואס האבן די מענטשן פון סדום געמאכט ווען זיי האבן געהערט אז לוט האט געסט?**
זיי זענען געקומען אלע מענטשן קליינע מיט גרויסע און געמאכט א הפגנה און זיי האבן געוואלט צוברעכן זיין טיר.

**טו. וואס האט לוט געבעטן פאר די מענטשן פון סדום?**
זיי זאלן גארנישט מאכן פאר די געסט.

**טז. ווען די מענטשן האבן געוואלט שלאגן פאר לוט, וואס האבן די מלאכים געמאכט?**

זיי האבן אריינגענומען לוט און אלע זענען געווארן בלינד.

**יז. וואס האבן די מלאכים געזאגט פאר לוט אז ער זאל אכטונג געבן?**

נישט צו קוקן ווי סדום ווערט איבערגעדרייט.

**יח. וואס איז געשען פאר לוט'ס ווייב ווען זי האט געקוקט?**

זי איז געווארן א שטיק זאלץ, (דערציייל פארוואס).

**יט. וויפל יאר איז אברהם געווען ווען ער האט געבוירן די בובעלע?**

הונדערט יאר.

**כ. וויפל יאר איז שרה געווען ווען זי האט געבוירן די בובעלע?**

ניינציג יאר.

**כא. ווי אזוי האט געהייסן די נייע בובעלע?**

יצחק אבינו.

**כב. פארוואס האט שרה אוועקגעשיקט ישמעאל?**

ווייל ער האט אויסגעלערנט פאר יצחק שלעכטע זאכן.

**כג. דערצייל וואס איז געשען מיט ישמעאל ווען ער איז אוועק געגאנגען?**

ער איז געגאנגען אין וואלד און ס'איז נישט געווען צו טרינקען און א מלאך האט אים געברענגט טרינקען.

**כד. וואס האט דער אויבערשטער געהייסן פאר אברהם אבינו ער זאל טוהן פאר יצחק?**

ער זאל מקריב זיין יצחק פאר א קרבן.

**כה. און וואס האט אברהם געמאכט?**

ער האט גלייך געפאלגט און ער איז אויפגעשטאנען אינדערפרי.

**כו. וועמען האט אברהם מיטגענומען?**

אליעזר און ישמעאל.

**כז. פון וואו האט אברהם געוואוסט אז דאס איז די בארג "הר המוריה"?**

ווייל ער האט געזעהן א וואלקן אויף די בארג.

**כח. וואס האט דער יצר הרע געזאגט פאר אברהם?**

אז ער זאל נישט שחט'ן יצחק.

**כט. און וואס האט ער געזאגט פאר יצחק?**

אז זיין טאטע וויל אים שחט'ן און ער זאל אים נישט לאזן.

**ל. און וואס האבן אברהם מיט יצחק געזאגט פאר דעם יצר הרע?**

גיי אוועק פון אונז, אונז ווילן פאלגן נאר דעם אויבערשטן.

**לא. וואס האט יצחק געזאגט פאר אברהם ווען ער האט אים ארויפגעלייגט אויף די מזבח?**

אז ער זאל אים גוט צובינדן כדי ער זאל זיך נישט קענען רירן.

**לב. און וואס איז געשען ווען אברהם האט שוין געהאלטן די מעסער?**

א מלאך זאגט אים אז ער דארף נישט שחט'ן יצחק.

**לג. וואס האט אברהם מקריב געווען אנשטאט יצחק?**

א איל (באראן).

**לד. וואס מאכט מען פון די הערנער פון א איל?**

א שופר וואס מען בלאזט ראש השנה.

**לה. פארוואס בלאזט מען ראש השנה מיט א שופר?**

אז דער אויבערשטער זאל געדענקען די זכות און אונז גיבן אלעס גוט'ס.

## ניגוני השבוע

1) מעין עולם הבא...



# הלכה

## ביקור חולים



# מדות

## הכנסת אורחים - להתרחק מרשעים






| | | | |
|---|---|---|---|
| גְ גְי | בְ בְי | בְּ בְּי | אְ אְי |
| זְ זְי | וְ וְי | הְ הְי | דְ דְי |
| כְּ כְּי | יְ יְי | טְ טְי | חְ חְי |
| נְ נְי | מְ מְי | לְ לְי | כְ כְי |
| פְ פְי | פְּ פְי | עְ עְי | סְ סְי |
| שְׁ שְׁי | רְ רְי | קְ קְי | צְ צְי |
| | תְ תְי | תְּ תְּי | שְׂ שְׂי |

| | | | |
|---|---|---|---|
| תְ תְי | בְּ בְּי | פְּ פְּי | יְ יְי |
| שְׁ שְׁי | כְּ כְּי | וְ וְי | זְ זְי |
| חְ חְי | בְ בְי | שְׂ שְׂי | צְ צְי |
| כְ כְי | לְ לְי | מְ מְי | אְ אְי |
| סְ סְי | עְ עְי | תְּ תְּי | פְּ פְּי |
| גְ גְי | טְ טְי | רְ רְי | דְ דְי |
| נְ נְי | הְ הְי | קְ קְי | |

# פרשת וירא






די בילד איז גענומען
פון די ביכל שיר לילד


די בילד איז גענומען
פון די ביכל ״שיר לילד״

# סיפור השבוע

## שומר ישראל

דער הייליגער רבי לייב שרה׳ס איז געקומען צו ר׳ דוד׳ס הויז, און אים געזאגט: גיי שוין רופן דעם פריץ, דער פריץ איז באלד געקומען, רבי לייב שרה׳ס האט אים געזאגט א סוד און באלד דערנאך איז דער פריץ צוריק אהיים.

יארן שפעטער איז געווען א בלבול אויף ר׳ דוד אז ער האט גע׳הרג׳עט זיין קנעכט ׳אלעכס׳ כדי צו נעמען זיין בלוט אויף די מצות פון פסח און מ׳האט געוואלט הרג׳ענען ר׳ דוד, ווען דער פריץ האט געדארפט חתמ׳ענען אויף די גזר דין האט ער זיך דערמאנט וואס רבי לייב שרה׳ס האט אים געזאגט, און ער האט געבעטן אז פאר ווען מען הרג׳עט דעם איד וויל ער גיין מיט אים קויפן פערד און נאר נאכדעם וואס זיי וועלן צוריק קומען זאל מען אים הרג׳ענען. איז ער איז געגאנגען קויפן פערד מיט ר׳ דוד און דארטן האט מען געטראפן ׳אלעכס׳, ווייל רבי לייב שרה׳ס האט געזאגט דעמאלטס פאר דעם פריץ ער זאל גיין מיט דעם איד ר׳ דוד קויפן פערד.

דערנאך האט אלעכס דערציילט אז דער גלח האט אים פארטריבן ווייל ער האט געוואלט מאכן א בלבול אויף ר׳ דוד און דער פריץ האט געהייסן מ׳זאל הרג׳ענען דעם גלח און ר׳ דוד איז געווארן באפרייט.













